בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת בלק תשע"ז | גליון 368 [שנה ח']

**שיינע דרוש אויף כי ברוך הוא**

וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים אֶל בִּלְעָם לֹא תֵלֵךְ עִמָּהֶם לֹא תָאֹר אֶת הָעָם כִּי בָרוּךְ הוּא: (כב יב) לא תלך עמהם: זאגט רש"י ד"ה לֹא תֵלֵךְ עִמָּהֶם אמר לו –בלעם– אם כן אברכם. אמר לו –אלקים– אינם צריכין לברכתך, כִּי בָרוּךְ הוּא. דער תרגום יונתן בן עוזיאל זאגט אויף כִּי בָרוּךְ הוּא: בְּרִיכִין הִינוּן מִנֵּי מִיוֹמָא דַּאֲבַהַתְהוֹן. דארף מען פארשטיין דעם רש"י, וואס הארט ה' אויב א שונא וויל בענטשן די אידן אפילו זיי זענען שוין געבענטשט? און אויך וואס מיינט די תרגום יב"ע מוסיף זיין אז די אידן זענען געבענטשט פון זייער אבות, וואס האט די אבות צו טאן מיט יעצט? נאר מען קען דאס מסביר זיין לויט וואס דער הייליגער נועם מגדים שרייבט אין פר' עקב (דברים ז יד) בָּרוּךְ תִּהְיֶה מִכָּל־הָעַמִּים לֹא־יִהְיֶה בְךָ עָקָר וַעֲקָרָה וּבִבְהֶמְתֶּךָ: וואס איז דער שייכות פון בָּרוּךְ תִּהְיֶה מיט לֹא־יִהְיֶה בְךָ עָקָר, נאר אין די גמ' (בכורות דף מד:) זאגט ר' יהושע בן לוי צוויי פשטים עָקָר וַעֲקָרָה: איינס אז עס וועט נישט זיין א עָקָר וַעֲקָרָה ביי אייך, און צוויי, אז דיינע תפילות וועלן אנגענומען ווערן, און עס שטייט אז ווייל לבן האט געבענטשט רבקה וַיֹּאמְרוּ לָהּ אֲחֹתֵנוּ אַתְּ הֲיִי לְאַלְפֵי רְבָבָה: (בראשית כד ס) וועגן דעם איז זי געווען א עקרה, אז לבן זאל נישט זאגן אז זיין תפילה האט געהאלפן, נאר דער אויבערשטער האט געוויזן אז די תפילה פון יצחק אבינו האט געהאלפן, וַיֶּעְתַּר יִצְחָק לַה' לְנֹכַח אִשְׁתּוֹ כִּי עֲקָרָה הִוא: (בראשית כה כא). לויט דעם איז ער מפרש בָּרוּךְ תִּהְיֶה מִכָּל־הָעַמִּים, וואס הגם עס שטייט אין (ספרי בהעלותך ט) הלכה עשו שונא ליעקב, אבער דא שטייט וְהָיָה עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן אֵת הַמִּשְׁפָּטִים הָאֵלֶּה וּשְׁמַרְתֶּם וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם, וועט דאך זיין בִּרְצוֹת ה' דַּרְכֵי־אִישׁ, אז דער אויבערשטער וועט זיין באוויליגט מיט דיינע וועגן, איז גַּם־אוֹיְבָיו יַשְׁלִם אִתּוֹ: (משלי טז ז) ממילא וועט זיין בָּרוּךְ תִּהְיֶה מִכָּל־הָעַמִּים די גויים וועלן בענטשן די אידן, וועט מען מורא האבן אז דער אויבערשטער וועט נישט וועלן די גוים זאלן זאגן אז זייערע תפילות האבן געהאלפן וועט שוין זיין עָקָר וַעֲקָרָה! דעריבער זאגט ריב"ל אז עָקָר וַעֲקָרָה מיינט אייערע תפילות וועלן אנגענומען ווערן און נישט די ברכות פון די גויים וועט נישט זיין עָקָר וַעֲקָרָה בפשטות עיי"ש מהרש"א ע"כ דברי הנועם מגדים, ממילא דא ביי בלעם האט דער אויבערשטער נישט געוואלט אז ער זאל בענטשן די אידן כדי דער רשע זאל נישט גרויס האלטן אז אין זכות פון זיינע ברכות זענען די אידן געווארן געבענטשט! זאגט אים דער אויבערשטער, כִּי בָרוּךְ הוּא, זיי זענען בְּרִיכִין הִינּוּן מִנֵּי מִיוֹמָא דַּאֲבַהַתְהוֹן געבענטשט פון די אבות אברהם יצחק ויעקב, און די ברכה איז פאר זיי געווען אויף שפעטער אויך. (צמח דוד דינוב)

**וואס איז די כוונה פון רש"י אויף די צוויי משמשים?**

וּשְׁנֵי נְעָרָיו עִמּוֹ: (כב כב) זאגט רש"י ד"ה ושני נעריו עמו: מכאן לאדם חשוב היוצא לדרך יוליך עמו שני אנשים לשמשו וחוזרים ומשמשים זה את זה: דער מזרחי לערנט אז רש"י איז מדייק פון די ווארט וּשְׁנֵי, ווייל עס וואלט געווען גענוג צו שטיין וּנְעָרָיו עִמּוֹ, איז א ראי' פון וּשְׁנֵי, אז מען דארף צוויי באגלייטערס, אסאך פרעגן אויף דעם אז מיר האבן א כלל, מיעוט רבים שנים, אויב אזוי וואלט ווייטער געקענט שטיין וּנְעָרָיו עִמּוֹ, און מען וואלט געוואוסט אז מען דארף צוויי און מען בלייבט וצ"ע? דער הייליגער מהר"ל אין זיין ספר גור אריה האט א שיינע מהלך אין רש"י, אז דער דיוק איז פון די ווערטער ושני נעריו ווייל עס וואלט געקענט שטיין ושני נערים, נאר די ווערטער נעריו מיינט זיינע באשטימטע באגלייטערס, ווייל פארוואס דארף א אדם חשוב באשטימטע באגלייטערס נאר איך לערן ארויס פון דעם אז א אדם חשוב גייט נישט ארויס אן צוויי באגלייטערס וואס זענען זיינע באשטימטע. (שמחה זבולון)

**פון וואו איז די ראיה אז מען דארף צוויי משמשים**

וְהוּא רֹכֵב עַל אֲתֹנוֹ וּשְׁנֵי נְעָרָיו עִמּוֹ: (כב כב) פרש"י מכאן לאדם חשוב היוצא לדרך יוליך עמו שני אנשים לשמשו, פרעגט הגאון ר' יהונתן אייבישיץ פארוואס לערנט רש"י דאס נישט ארויס פון אברהם וואס שטייט ביי די עקידה (בראשית כב ג) וַיַּשְׁכֵּם אַבְרָהָם בַּבֹּקֶר וַיַּחֲבֹשׁ אֶת חֲמֹרוֹ וַיִּקַּח אֶת שְׁנֵי נְעָרָיו אִתּוֹ וְאֵת יִצְחָק בְּנוֹ, וואס דארטן שטייט אויך שְׁנֵי נְעָרָיו? נאר די גמ' (פסחים קי"ב:) זאגט ההולך יחידי בלילה, אז מען גייט אליין באנאכט, רואה את המזיקין וניזוק, זעהט מען די מזיקין און מען ווערט געשעדיגט, און תרי, צוויי, רואין ואינן ניזוקין, זעהן די מזיקין און מען ווערט נישט געשעדיגט, אבער תלתא, דריי מענטשן, אינם רואים כל עיקר, זיי זעהען גארנישט, ממילא פון אברהם איז נישט קיין ראיה אז מען דארף אלעמאל צוויי באגלייטערס, נאר דארטן ביי אברהם וואס האט געוואוסט אז עס וועט זיין מזיקין, דעריבער האט ער מיט זיך גענומען נאך צוויי כדי עס זאל זיין דריי און זיי וועלן נישט זען און געשעדיגט ווערן פון די מזיקין, אבער בלעם וואלט דאך נישט געהארט אז ער זעט מזיקין, אויב אזוי פארוואס האט ער מיט גענומען שני נעריו, איז די ראי' אז א אדם חשוב אזוי ווי בלעם דארף צוויי משמשים. (תפארת יהונתן)

**וועמענ'ס שווערד האט דער מלאך געהאלטן?**

וַיְגַל ה' אֶת־עֵינֵי בִלְעָם וַיַּרְא אֶת־מַלְאַךְ ה' נִצָּב בַּדֶּרֶךְ וְחַרְבּוֹ שְׁלֻפָה בְּיָדוֹ: (כ"ב ל"א) דארף מען פארשטיין פארוואס שטייט "בְּיָדוֹ" עס וואלט געקענט שטיין וְחַרְבּוֹ שְׁלֻפָה, ווייל יעדער ווייסט אז א שווערד שטרעקט מען אויס אין די האנט? אויך דארף מען פארשטיין עס שטייט אין פריערדיגן פסוק (כ"ט) בלעם זאגט צו זיין אייזל לוּ יֶשׁ־חֶרֶב בְּיָדִי כִּי עַתָּה הֲרַגְתִּיךְ: ווען איך וואלט געהאט א שווערד, איז שווער וואס מיינט ווען ער וואלט געהאט א שווערד, וואו איז דען געווען זיין שווערד? נאר מען קען מחדש זיין אז דער מלאך האט צוגענומען פון בלעם זיין שווערד, דעריבער האט בלעם געזאגט צו זיין אייזל, דו האסט א מזל אז איך האב נישט קיין שווערד דעריבער מוז איך דיר שלאגן מיט א שטעקן. און יעצט ווען דער אויבערשטער האט אויפגעעפנט די אויגן פון בלעם, האט ער געזען ווי דער מלאך שטייט פאר אים און זיין שווערד –די שווערד פון בלעם– איז אין די האנט פון מלאך. דאס מיינט וְחַרְבּוֹ שְׁלֻפָה, זיין שווערד, איז יעצט געווען "בְּיָדוֹ" –אין די האנט פון מלאך–. (בית ישראל – ממאטערסדארף)

**אהליך מיינט צוויי געצעלטן**

מַה־טֹּבוּ אֹהָלֶיךָ יַעֲקֹב מִשְׁכְּנֹתֶיךָ יִשְׂרָאֵל: (כד כה) שטייט אין ילקוט שמעוני (תשע"א) טובים אהלים של מטה מאהלים של מעלה: אהלים של מעלה, הכל נכשלין בהן יש שעובדין לחמה וללבנה ולכוכבים. [– עס זענען דא וואס דינען צו איינע פון די דריי זאכן וואס דאס איז א שטרוכלונג, ווייל זיי זענען נאר א באשעפעניש פון ה'– המו"ל] אבל אהלים של מטה, אין לך אדם שנכנס לבית הכנסת או לבית המדרש וחוטא. אזוי ווי די גמ' (קידושין דף ל:) זאגט אם פגע בך מנוול זה משכהו לבית המדרש, מען גייט אריין אין בית המדרש און מען זינדיגט נישט, איז שווער אז מען איז מדמה די אוהל פון מעלה וואס האט דריי מעלות חמה, לבנה און כוכבים. צו די אוהל של מטה וואס האט נאר צוויי מעלות בית הכנסת און בית המדרש? נאר מען קען ענטפערן אז די אהלים של מטה האט אויך דריי וואס זענען אנקעגן די אוהל של מעלה, ווייל אנקעגן די אור השמש איז דא אונטן די אור פון תורה, און די בית הכנסת איז כנגד די לבנה וואס איז מרומז

אויף השראת השכינה אויף די לבנה און אין בית הכנסת איז דא השראת השכינה, און די אידן וואס גייען דארטן זענען ווי כוכבים, און פונדעסטוועגן האט די בית המדרש א מעלה אויף אלעס אזוי ווי די גמ' (ברכות דף ל:) ברענגט אז רבי אמי ורבי אסי, אף על גב דהוו להו תליסר בי כנישתא בטבריא – לא הוו מצלו אלא ביני עמודי, היכא דהוו גרסי. זיי האבן געהאט דרייצן בית הכנסת אין זייער שטאט טבריה און זיי האבן געדאוונט נאר וואו זיי האבן געלערנט אין בית המדרש. (אוצר חיים – ישועה הלוי, י–ם תרס"ח) מען געוואלט געקענט דאס אויך אייטייטשן אין פסוק מַה־טֹּבוּ אֹהָלֶיךָ יַעֲקֹב: וואס יעקב איז א נידעריגע מדריגה מרומז אויף די וועלט למטה, וואס די אוהלים דא די בית הכנסת און בית המדרש, זענען מער חשוב פון די דריי אוהלים פון ישראל וואס דאס איז א העכערע בחינה מרומז אויף למעלה, פונדעסטוועגן ביי די אולים של מטה איז מען אפגעהיט פון שטרויכלונג. (שמח זבולון)

# מדור העובדות

## ר' אשר אנשיל יונגרייז דער טשענגער רב זצוק"ל ראטעוועט א שטוב און א קערט א איד צו תשובה

אין שטאט **טשענגער** ווען דער הייליגער צדיק הר"ר **אשר אנשיל** יונגרייז זצוק"ל דער מחבר פון **מנוחת אשר** איז געווען דארטן רב, איז געווען א קבוצה פון מְשַׂחֵק בְּקוּבְיָא - שפילן קָארטֶן- עס האט זיך צוגעטשעפעט צו זיי א איד א תלמיד חכם, און מיט דער צייט איז ער געווען אזוי אריינגעלייגט אין דעם אז זיין פרנסה איז געווארן שוואך און דאס לערנען און דאוונען איז שוין געווען מטה מטה, זיין ווייב וויפיל זי האט געוויינט צו אים איז געווען אויף טויבע אויערן, זי האט אלעמאל געוואלט גיין צום טשענגער רב ער זאל איר העלפן, אבער זי האט זיך געשעמט דאס צו דערציילן, ויהי היום און זי האט געוואוסט אז איר מאן האט מארגן יארצייט און זיין סדר איז געווען צו לערנען משניות באנאכט אבער ער איז געווען פארנומען מיט זיינע קארטן!

זי האט אים מעורר געווען אז ער האט יארצייט, האט ער געענטפערט עס איז גענוג אז ער וועט גיין אין שול אינדערפרי און דאווענען פארן עמוד און געבן תיקון. די פרוי האט שוין מער נישט געקענט זיך איינהאלטן און זי האט גענומען שטאלץ און געגאנגען צום טשענגער רב נאך יענע נאכט און געקלאפט אויפן טיר און האט דערציילט פארן רב אלעס וואס גייט פאר מיט איר מאן, און אויב דער רב וועט נישט קענען העלפן וועט זי וועלן א גט, און היות אז ער האט היינט יארצייט וועט ער קומען אין שול מוז דער רב אים פארעכטן! דער פנים פון רב האט אנגעהויבן צו פלאקערן און ער האט איר גארנישט געזאגט, און פון רוב דביקות האט דער רב אנגעהויבן ארום שפאנצירן פון שטוב צום שול און פון שול צום שטוב און צוריק, וואס דאס האט געווארפן א פחד אויף די פרוי!

זי הויבט אן זיך אויס צו-וויינען איר ביטערן מצב, דער רב ענטפערט "עס גייט נישט, עס גייט נישט, וואס ווילן זיא! באנאכט זאל איך מיט זיי טשעפענען? גיי אהיים, מארגן אינדערפרי וועל איך בעסער קענען מיט זיי א עצה געבן!" די פרוי האט זיך בארוהיגט און איז אהיים מיט פול האפענונג אין השי"ת. אינדערפרי האט די פרוי מיט שוועריקייט אים אויפגעוועקט צו גיין אין שול לכבוד דעם יארצייט, ער איז געווען זייער מיד און געזאגט ער קען נישט גיין צום ערשטן מנין אבער ער זאגטצו ער וועט אויפשטיין צום צווייטן מנין, די פרוי האט אים שפעטער אויפגעוועקט און ער איז געווארן שנעל גרייט גיין אין שול. דערווייל דער רב האט געווארט אויף דער מאן און האט געזען אז ער קומט נישט צום ערשטן מנין האט ער געזאגט דעם גבאי אז היינט וועט ערווארטן צו דאווענען מיטן צווייטן מנין.

נאכן דאווענען זעט דער רב ווי אזוי דער מאן קומט אריין אין שול און דער רב גיט אים א ברייטן שלום עליכם און זאגט "אז היות אז דו האסט היינט יארצייט וועסטו דאווענען פארן עמוד און געבן תיקון!" און ער ענטפערט אז יא! און דער רב רופט אויס הויך "היינט האט דער איד יארצייט און עס וועט זיין איין גרויסער און גוטן תיקון!"

דער עולם האט שוין גערעדט אז עפעס וועט דא זיין, ווייל דער רב האט קיינמאל נישט משנהגעווען זיין צייט פון דאווענען און דעם אויסרופן הויך אז איינע גיט תיקון איז אויך נישט דער שטייגער פון רב און דער עולם איז געבליבן אין שול זען מה יעשה היום!

דער איד גייט צום עמוד און דאווענט און ביי שמונה עשרה האט דער רב זיך פאר'דביקות און עס האט געדויערט זייער לאנג זיין שמונה עשרה און דער חזן, וואס איז געווען אויף ביז גאר שפעט, איז געווען זייער מיעד און איז איינגעשלאפן ביים עמוד, דערווייל האט דער רב געענדיגט זיין שמונה עשרה אבער דער חזן איז אין א טיפע שלאף, און דער רב זאגט מען זאל אים נישט אויפוועקן, דער עולם איז שוין געווארן מער אומגעדולדיג ווייל זיי ווילן זען וואס דער רב פארפרוועט דא יעצט אין די עולמות! און פלוצלונג הויבט זיך אן דער חזן צו רעדן אין זיין שלאף כאילו ער שפילט יעצט מיט זיין חבריא קָארטֶן און רופט אויס א נאמען פון א קָארטֶן וואס עס וועט יעצט געווינען! און פלוצלונג וועקט ער זיך אויף און זעט אז ער געפינט זיך אין שול און אלע קוקן אויף אים ווייל זיי האבן געזען און געהערט זיין שיינעם חלום, דאס האט געווירקט אויף אים און האט זיך געווארפן צו די פיס פון רב, און זאגט רבי "איך וויל תשובה טאן"! זאגט דער רבי "שטיי אויף איך האב דאך געזאגט אז היינט וועט זיין איין גרויסער און גוטן תיקון"

דער רבי האט געהייסן צושיקן א אנדערן חזן און געהייסן דער איד גיין אין מקוה און נאכדעם זאל ער קומען צו אים מיט זיינע קָארטֶן, ווען ער איז געקומען אין שול האט דער רב געהייסן אז נאר ער זאל קומען מיט אים אין זיין חדר לעבן שול, און קיינער האט נישט קיין רשות מיטצוקומען, דער רב זעצט זיך מיט אים ביים טיש, דער איד איז א צובראכענער און וויינט פון תשובה און שרייט אויפן קול "רבי איך וועל עס שוין מער נישט טאן" דער געשריי האט געלעכערט די הערצער פון די וואס האבן דאס געהערט! נאכדעם האבן זיי געהערט ווי דער רב זאגט פארן איד "זעהסט, דאס זענען די לייט מיט וועמען דו שפילסט"! דערנאך האט דער רב אים געהייסן זאגן ווידוי מיט אים און נאכן ווידוי האט דער רב גענומען די קָארטֶן און צושפרייט זיי אויף די ערד און דער רב פרעגט דער איד וואס ער זעט? האט ער געענטפערט ער זעט מאדענע מענטשן טאנצן! האט דער רב געזאגט: זיי זענען די מענטשן וואס האבן געשפילט מיט דיר וואס זענען די סיטרא אחרא, די שטן, וואס האט דיר געוואלט אריינכאפן, יעצט זאלסטו מיר צוזאגן אז דו וועסט מער נישט גיין מיט זיי, און ער האט צוגעזאגט, און דער רב האט געשיקט רופען דער פרוי דערציילן די גוטע נייעס, און עס איז געווארן שלום ושלוה צווישן זיי און דער איד איז צוריק געווארן א ערליכער איד א בעל תשובה גמור.

און ער האט מייסד געווען א חברת תהלים לטובת נשמתו און דער עולם האט נישט געוואוסט אז ער האט תשובה געטאן ווייל זיי האבן געזאגט ער איז א מְשַׂחֵק בְּקוּבְיָא און ווען דער רב האט זיך דערוואוסט פון דעם האט ער געהייסן אז אלע מוזן קומען צום חברת תהלים, און דער רב האט צו געשיקט דעם איד צו זיין חזן צו זאגן תהלים וואס ער האט דאס געזאגט מיט א זיסקייט און צוביסלאך האבן שוין אלע געזען דעם גרויסן תיקון פון רב און אז דער איד איז א אמת'ע בעל תשובה זיע"א. (תולדות אנשי מופת – ח.י.ל. ברוין גרסווערדיין תש"ד)


*הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד- צו פארקויפן -*

*סעט מליצי אש **$300**, סעט סופרים וספרים של הר' שלמה זוין **$200** ספר מנוחת אשר שלמד בו מרן הדברי יואל **$1500**, ספר יער אוזן להחיד"א מיט פול הגהות א חכם דב"ש און הגאון ר' חיים סתהון **$1500**,* ***סידור של"ה דפוס ראשון מיט הגהות און באלאנגט צום דעת שלום משאץ לונדון $50000 סידור קול יעקב סלאוויטא וואס האט באלאנגט צו הרה"ק ר' בצלאל מרגליותבן מאיר נתיבים געווען ביים בעש"ט $45000 ספר וואס האט באלאנגט צום שרף מטאש און זיין איידעם די בני שלשים $6000*** *א תהלים וואס רבינו יואל און זיין רביצין האבן געגעבן פאר א מיידל צו מתפלל זיין פארן רבי'ן געזונט, **$1000**, סידור חמדת ישראל מונקאטש דפוס ראשון עם הסכמות חשובות עם הפראנומעראנטן **$1000**, שושן סודות קארעץ שייך להאדמו"ר ר' משה שמואל ר"ב בן הגה"ק ר' יהוסף ר"ב מקאסאן, ספר טל חיים וברכה ליסקא עם חתימות ר' חיים בנימין גראס ממונקאטש, סעט פרדס יוסף על התורה דפוס ראשון נדיר מאוד **$600**, סעט כלי חמדה על התורה דפוס ראשון נדיר מאוד **$600**,* א תעודה מיט חתימת הרה"צ מטאש זצוק"ל, א בריוו פון הרה"ק ר' מרדכי ובנו ר' אברהם די זוויהעלע רבי'ס זצוק"ל, תהלים אמרות טהורות דפוס זיטאמיר, תהלים דגל והודיה דפוס זיטאמיר, תהלים ע"ט דפוס זיטאמיר, הרבה ספרים מישיבה תת"ל ליובאוויטש ומישיבת מיר שנדפסו בשנגהאי. הרבה ספרי חב"ד שנדפסו לפני המלחמה, ספר כתר תורה על מצוות עם הרבה חתימת פון הרה"ק ר' יעקב חיים סאפרין מקאמארנא אויך דריי גמרות פול מיט הגהות פון אים, תהלים בן ביתי סגולה פאר גוטע קינדער און לכל דבר $1500. **גרויסע תהלים מיט מעמדות דפוס זיטאמיר $7000, ספר מיט צוויי חתימות פון הגה"ק ר' יחזקאל מערץ.** א גמרא פון הגאון ר' שלמה היימאן זצ"ל $600, עת לעשות דפוס ראשון, ספר אוצר הרבנים $200 ספר פנקס המוהל של החת"ם סופר $90 א מטבע לכבוד די חתם סופר $500, און $300 א מטבע לכבוד דער ליובאוויטשער רבי $100 א בול לכבוד חתם סופר $50 קומט אריין און איבערצייגט זיך. איבער 10000 ספרים אין געשעפט.

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM*** מען קען באקומען דעם גליון אין די קונטרס גליונות לשבת

**--Please call us or email or fax and we will try to have the Gilyon delivered to your bungalow colony or camp.** אדער אויף לדעת- מיר ווינטשן אלע א געזונטע זוממער